# אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## רַחְמָנוּת הָאבְּן פוּן הִימְל

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, נָאךְ אַוָואךְ אוּן נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן זַיינֶע צֵיין טוּעֶן אִים אַזוֹי שְׁטַארְק וֵויי, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּם צֵיין דָאקְטֶער, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן בַּיי אַלֶע דֶענְטִיסְטְס אוּן עֶר הָאט שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג, דִי וֵוייטָאג אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק עֶס גֵייט בִּיזְן מֹחַ.

וַיְהִי הַיּוֹם, אֵיין טָאג זִיצְט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִין גָארְטְן נֶעבְּן זַיין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר זֶעט וִוי דִי דִינְסְט קֶערְט אוֹיף דִי חָצֵר אוּן זִי טְרֶעפְט אַ נֶעסְט פוּן מַייזְלֶעךְ מִיט רַאטְן, זִי קֶערְט זֵיי, זִי וִויל זֵיי אַוֶועק נֶעמֶען. דִי מַייזְלֶעךְ מִיט דִי רַאטְן הוֹיבְּן אָן וֵויינֶען, זֵיי פַּייפְן אוּן קְוִויטְשֶׁען, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זָאגְט פַאר דִי דִינְסְט:

"פַארְוָואס טְשֶׁעפֶּעסְטוּ זֵיי? לָאז זֵיי אָפּ, דָא אִין פֶּעלְד אִיז זֵייעֶר פְּלַאץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי בַּאשַׁאפְן,
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף זֵיי אוֹיךְ רַחְמָנוּת,
עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו'".

אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל פַּאסִירְט אִין הִימְל,
מֶען רוּפְט אוֹיס פַאר אַלֶע מַלְאָכִים:

"אַזוֹי וִוי רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף בַּעֲלֵי חַיִים וֶועט מֶען אוֹיף אִים אוֹיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן, מֶען וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען דִי וֵוייטָאג פוּן זַיינֶע צֵיין", אוּן טַאקֶע אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, פוּן דֶעמָאלְט אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אַלֶע וֵוייטָאג.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַמָאל טוּט דִי בּוֹיךְ וֵויי, אַמָאל טוּט דִי צֵיין וֵויי אוּן אוֹיךְ אַמָאל טוּט דִי קָאפּ וֵויי, אוּן מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, מֶען זוּכְט וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי וֵוייטָאג; לָאמִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי פַּאסִירוּנְג אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע שְׁכֵנִים אוּן אוֹיךְ קִינְדֶער פוּן דִי יוּנְגֶערֶע קְלַאסְן - וֶועט מֶען פוּן הִימְל אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע וֵוייטָאג.



לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מַאכְן קַיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן, מֶען וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע מַיינֶע וֵוייטָאג".

נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 1-5-2-1 ,212-444-9191